Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 20 גראשען

היינט 8 זייטען.

# נייער פאלקסבלאט

אונפארטייאישע פאליטיש-געזעלשאפטליכע טאג-צייטונג

Nr. 237 | Łódź, Czwartek 10 października 1929 r. | זיבעטער יאהרגאנג | לאדז דאנערשטאג, ו׳ תשרי תר״צ | 21

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 24-71. | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פיעטריקאווער 21, טעל. 24-71

# שטראפען פאר העצען צו מלחמה

## פוילישער פארשלאג אויף דער אינטערנאציאנאלער ענטוואפנונגס-קאנפערענץ

**אטען, 9** (א. ט. אג.) אויף דער היינטיגער פלענאר-זיצונג פון דער אינטערנאציאנאלער ענטוואפנונגס-קאנפערענץ איז מיט גרוים ענטוזיאזם איינשטימיג אנגענומען געווארען דער פארשלאג פון דער פוילישער דעלעגאציע וועגען איינפיהרען אין די שטראף-קאדעקסען פון אלע מלוכות א ספעציעלען פאראגראף, וואס זאל בעשטראפען פאר העצען די עפענטליכע מיינונג צו א בעוואפענטען אנגריף געגען אנ׳אנדערער מלוכה.

## פירשט סאפיעהא זיך אפגעזאגט פון זיין דעפוטאטען-מאנדאט

**ווילנא, 9.** (ספ. טעל.) פירשט סאפיעהא, דער געוועזענער אויסערן-מיניסטער און איצטיגער דעפוטאט פון ב.ב. האט רעזיגנירט פון זיין מאנדאט.

די סבות פון דער רעזיגנאציע זענען פאלגענדע: דעם זיידען פון איצטיגען פירשט האט די צארישע רעגירונג, בעת דעם פוילישען אויפשטאנד, קאנפיסקירט גרויסע גיטער, א טייל פון די דאזיגע גיטער געהערען איצט צו דער מלוכה און פירשט סאפיעהא איז איצט געריכטליך ארויסגעטרעטען געגען דעם מלוכה אוצר וועגען צוריקבעקומען די דאזיגע גיטער.

## קלאגען וועגען דער רעזיגנאציע פון אמעריקאנישען ראטגעבער דעוועי

**ווארשא, 9** (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). היינט האט זיך דא פארשפרייט א קלאנג, אז דער אמעריקאנער ראטגעבער דעוועי האט צוגעשיקט א בריף צום פינאנץ-מיניסטער, אז ער זאגט זיך אפ פון זיין אמט.

ווי אונזער קארעספאנדענט איז געלונגען פעסטצושטעלען איז דער קלאנג נישט ריכטיג. אמת איז נאר, אז דער פינאנץ-מיניסטער האט דערהאלטען א בריף פון ראטגעבער דעוועי, אבער מיט א גאנץ אנדערען אינהאלט.

## מלוכה-פרעזידענט מאשטשיצקי אין ווילנא

**וואַרשא, 9.** (טעלעפאניש) היינט 10 א זייגער אינדערפריה איז אין א ספעציעלען צוג ארויסגעפאהרען אויף די פייערליכקייטען קיין ווילנא אין שייכות מיט דער 350 יעהריגער עקזיסטענץ פון דער באטארי אוניווערזיטעט, דער מלוכה-פרעזידענט מאשטשיצקי.

## האלענדישע רעגירונג לאזט נישט אריין טראצקי׳ן

**האאג, 9** (א. ט אג.) לויט׳ן פארשלאג פון האלענדישען אינערן-מיניסטער האט די האלענדישע רעגירונג אפגעזאגט טראצקי׳ן אין דעם רעכט צו בעטרעטען דעם האלענדישען טעריטאריום, מאטיווירענדיג דעם דאזיגען בעשלוס מיט דער זארג פאר דער זיכערקייט פון דער מלוכה.

## דייטשער פארשטעהער אין ווארשא ראוזשער

### זאל זיין שטרעזעמאנ׳ס נאכפאלגער

**בערלין, 9.** (א. ט. אג.) אלע פאליטישע גרופירונגען אין פארלאמענט האלט בסדר אב ווייטערדיגע בעראטונגען, אין שייכות מיט דער נעשאפענער לאגע אין צוזאמענהאנג מיט שטרעזעמאנ׳ס טויט. בעזונדערס בעאונרוהיגט זענען די גרופירונגען, וואס בילדען די איצטיגע רעגירונגס מעהרהייט.

צווישען די קאנדידאטורען אויפ׳ן אמט פון אויסערן מיניסטעריום ווערט אויך אנגערופען די קאנדידאטור פון דייטשען פארשטעהער אין ווארשא, ראוזשער, וועלכער וואלט געהאט די אונטערשטיצונג פון א.ע גרופירונגען, וואס געהערען צו דער איצטיגער מעהרהייט, א.ס א פערזאן, וואס איז נישט צו שטארק אנגאזשירט אין קיין שום פאליטישער פארטיי.

יום-כפור איז זאל פילהארמאניע
20 נארוטאוויטשא 20.

טויזענדער מתפללים זענען ענטציקט געווארען פון די תפלות בעת דעם דאווענען ראש השנה אין „פילהארמאניע״ פון בעריהמטען ביאליסטאקער חזן-קינסטלער ר׳

מאיר פאדראבינעק

הונדערטער יודען קומען טעגליך אין קאסע פון פילהארמאניע נאך בילעטען, אויף יום כפור, כדי צו געבען א געווס די פיל אנדערע, וועלכע האבען נאך נישט געהאט די מעגליכקייט צו הערען דעם וואונדערבארען חזן, וועלכער האט בעצויבערט די מתפללים מיט זיין אויסערגעוועהנליכען דאווענען, איז בעשלאסען געווארען צוצושטעלען נאך איינעגע צעהנדליג שטוהלען. פערזעהט זיך בעצייטענס מיט בילעטען.

כל הקודם זכה! די קאסע איז אפען פון 10 פריה ביז 8 אין אווענד.

בעמערקונג: מ׳בעט די ג׳ מתפללים צו כל נדרי נישט מיטברענגען קיין קליינע קינדער.

ערב יום-כפור וועט די קאסע זיין אפען פון 8 פריה ביז 3 נאכמ.

Dr. A. MAZUR
ספעציאליסט פאר מויל, האלז-, נאז- און אויערן-קראנקהייטן.
65 ווסחאדניא 65, טעלעפאן 10-66.
נעמט אן פון 12.30 ביז 1.30 נאכמיטאג
און פון 4 ביז 6 אין אווענד.

בירגער
פון דער גאנצער פוילישער ערד
פון ים צו ים, אין דער ברייט און לענג, ווייסט אז די פרעמיע
400.000 זל.
און דאס לעצטע גרעסטע געווינס
פון 5.000 זל. זענען געפאלען אויף № 110562
מיטוואך, דעם 9-טען ד. ח. אין לעצטען ציהונגס-טאג פון דער גרויסער 5 קלאס 1929
זענען געפאלען נישט ליגען, נאר אין דער אמת׳ן
אין אונזער גליקליכסטער קאלעקטור
גליק, וואוילשטאנד, מזל, גייסטיגע רוה - דער קויף פון א לאס
אין דער גרעסטער קאלעקטור
E. Lichtenstein i S-ka
צענטראלע: ווארשא, מארשאלקאווסקא 146
אפטיילונגען אין לאדז:
פיעטריקאווער 72, געביידע פון גראנד-האטעל
און פיעטריקאווער 11.
בירגער! די פוילישע מלוכה-לאטעריע עפענט קיצליך אויפסניי דאס טויער פון גליק - דעריבער רופען מיר אייך אלע, אלע צו קויפען די 1-טע קלאס פון דער נייער 20. מלוכה-לאטעריע.

מודעה.
דער שוחט פישל האללע פון פאלנאצנא 11
וואס איז תחת השגחת הראבינאט דפה בעט, אז מען זאל ארויסבעהמען די משכנות, וואס מען האט איינגעלייגט יום-טוב פאר שחט׳ן.
9933

אתרוגים
מובחרים לולבים והדסים
במקח השוה אין הורט און ענצעל
שוין צו בעקומען ביי
עמנואל קאפעלוש
פלאץ וואלנאשטשי 10 (גייע שטאט).

דעם ח׳
סטעפאן ראזענבלאט
צוליב׳ן טויט פון זיין
פאטער
דריקט אויס אויפריכטיגען ביילייד
מ. אלטמאן.

וואָרנונג!
צוליב דעם, וואס עס האבען זיך בעוויזען אין פערקעהר געפעלשטע וועקסלען, בעט איך אלע בעזיצער פון וועקסלען מיט מיין אונטערשריפט אדער זשירא, זיי זאלען זיך ווענדען צו מיר, כדי פעסטצושטעלען די ריכטיגקייט פון דער אונטערשריפט.
העניך מילגראם
לאדז, פולנאצנא 13

נאך קורצע שווערע ליידען איז נעכטען געשטארבען אין עלטער פון 75 יאהר אונזער הייסגעליבטער פאטער, גרויספאטער, אורגרויספאטער, שוויגערפאטער, ברודער און אנקעל
נ.ע. יוסף לייב גאטליב
(געוו. הויזבעזיצער און סוחר פון לאדז).
די לויה קומט פאר היינט, דאנערשטאג, 12 א זייגער בייטאג פון טרויער-הויז נאוואמיעסקא 6, וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער
די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

מאשין-לעבעך
רופען צו בעזוכען אויסשטעלונג ביי
ג. נארדמאן צעגעלניאנא 29

